# פרשת בהעלותך י"ג – י"ט סיון תשע"ח לפ"ק

*יום ראשון פרשת בהעלותך*

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבנין הבית חינוך לבנות 'בית יעקב' דקהלתנו הק'.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף ראטשטיין** ע"ה.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של החתן **אפרים שמעון** נ"י בן הר"ר **יעקב משה לאווי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יצחק אלחנן צבי** נ"י בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק דוד לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קע"ד סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע שעבר.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**עס** שטייט אין פסוק (איוב ח-ז) והיה ראשיתך מצער, דער אנהייב פון א מענטש איז ווייניג, ואחריתך ישגה מאד, שפעטער מיט די צייט, גיט דער אייבערשטער א ברכה, אז עס פארמערט זיך אויף אסאך. עס איז ביי יעדע זאך אזוי, סיי אין געשעפטליך, ווען מען הייבט אן, פלאגט מען זיך, די ראשית איז מצער, און דער אייבערשטער העלפט, אז מען איז מצליח מער און מער, און עס ענדיגט זיך גוט. און אין רוחניות איז אויך די זעלבע, מען דארף לערנען, און טון מצות און מעשים טובים, אין אנהייב קומט עס אן שווער, אבער סוף הכבוד לבוא, ואחריתך ישגה מאד.

**דער** תנא זאגט די וואך אין פרק (א-ג), אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, זייטס נישט אזוי ווי קנעכט וואס טוען באדינען זייער רבי, כדי זיי זאלן באקומען א שכר דערפאר. פארוואס רופט ער עס אן 'פרס'. ער וואלט געדארפט זאגן, על מנת לקבל 'שכר', פרס איז טייטש א האלבע, א פרוסה, א ברעקל.

**עס** שטייט אין **הפלאה** (בפתיחה למסכת כתובות אות יג), אז ווען א מענטש איז געוואוינט צו טון א מצוה שטענדיג, און אמאל מאכט זיך אים, אז ער וועט האבן שאדן אויב ער וועט היינט טון די מצוה, און ער איז מזלזל אין די מצוה, און ער לאזט איבער די מצוה, ווייל ער וויל נישט האבן דעם שאדן. האט ער מיט דעם אפגע'פסק'נט, אז די מצוה איז אים נישט כדאי, נאר פאר אזויפיל און אזויפיל געלט, און מער פון דעם איז ער נישט גרייט אויסצוגעבן פאר די מצוה. א מענטש דאווענט תפלה בציבור יעדן טאג, און דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט איז זייער גרויס, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), טייטש דער **הפלאה**, ליכא, עס איז נישט דא. מען קען נישט באצאלן אויף די וועלט, אזויפיל שכר וויפיל עס קומט זיך פאר איין מצוה. און ווען דער מנין האט זיך פארשפעטיגט, און אויב ער וועט דאווענען מיטן מנין וועט ער האבן שאדן פופציג דאלער, איז ער אסאך מאל מוותר אויפן מנין, כדי נישט צו פארלירן פופציג דאלער. האט ער מיט דעם געוויזען, אז ביי אים איז דאווענען מיט א מנין ווערט נאר פופציג דאלער. איז די שכר וואס דו גייסט באקומען פאר די מצוה, אזויפיל וויפיל דו האסט אליין אפגעשאצט די ווערט פון די מצוה. פאר דיר איז די מצוה ווערט נאר פופציג דאלער, באקומסטו נאר שכר דערויף פופציג דאלער.

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש טוט א מצוה נאר לקבל שכר, און וואס בעהט'סטו פונעם אייבערשטען שכר דערויף, הונדערט טויזנט דאלער. האסטו אפגע'פסק'נט מיט דעם, אז דאס איז דער פרייז ביי דיר פאר די מצוה, וועסטו באקומען שפעטער שכר אויף דיינע מצות, נאר וויפיל דו האסט אפגע'פסק'נט דיין

שכר. - אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, ווען א מענטש טוט די עבודה ווייל ער וויל באקומען שכר, האט ער מיט דעם אפגע'פסק'נט, אז זיין שכר איז א פרס, א האלבע. עס וואלט דיר געדארפט קומען פאר די מצוה א גאנצע וועלט, אבער אז דו שעצט עס נישט נאר פאר א קלייניגקייט, באקומסטו נאר די שכר א קלייניגקייט.

**אבער** איך מיין אז עס איז נישט ניחא פארן אייבערשטען אז מען זאל אזוי זאגען. יעדער מענטש איז דאך אמאל מוותר, און פאר א קליינע טירחא טוט ער אויך נישט א מצוה. און אמאל פאר א מניעת הריוח, גייט ער אוועק פון א מצוה, און כל שכן ווען א שאדן. קומט דאך אויס, אז אויב מען וועט רעכענען אין הימל וויפיל עס איז ווערט פאר אונז א מצוה, באקומען מיר גאנץ ווייניג פאר אונזערע מצוות.

**איך** מיין אז דער פשט איז אנדערש. אמת טאקע, א מענטש איז אמאל מוותר אויף א מצוה, פאר אפאר דאלער שטעלט ער זיך נישט צו, צו די מצוה, אבער ווען א יוד האט שוין מקיים געווען די מצוה, און איינער זאל צוקומען צו אים און אים זאגן, איך וויל ביי דיר אפקויפן די מצוה. איך געב דיר הונדערט דאלער פאר די מצוה, איך געב דיר טויזנט דאלער, וועט ער זאגן, איך דארף נישט. איך געב דיר צען טויזנט, איך געב דיר א מיליאן, א יוד וועט נישט אוועקגעבן א מצוה וואס ער האט געטון, פאר כל הון דעלמא. איז דאך א ראיה, אז ביי אים איז א מצוה נישט ווערט צען דאלער, צו פופציג, צו הונדערט, נאר ער גיט נישט אוועק די שכר פון די מצוה אפילו פאר א הון רב. איז א סימן, אז דער אמת וויפיל א מענטש שעצט די מצוה, איז, אז ער איז נישט גרייט עס אוועקצוגעבן פאר כל הון דעלמא.

**וועט** מען פרעגן א קשיא, פארוואס ווען מען בעהט פון א מענטש הונדערט דאלער פאר צדקה, וועט ער זאגן עס איז צו אסאך געלט, ער גיט נישט. אבער ווען ער וועט געבן הונדערט דאלער פאר צדקה, און מארגען וועט צוקומען איינער, און ער וועט אים זאגן, איך געב ד'יר צוויי הונדערט דאלער, און פארקויף מיר די מצוה, וועט ער זאגן, ניין, איך פארקויף עס נישט. נעכטן האסטו דאך נישט געוואלט צאלן אפילו הונדערט דאלער דערפאר, און פארוואס היינט, נאכדעם וואס דו האסט שוין געטון די מצוה, ביסטו נישט גרייט אוועקצוגעבן די שכר פון די מצוה אפילו פאר טויזנט דאלער.

**די** תירוץ דערויף איז, ווייל בשעת מען האלט פארן טון א מצוה, איז דא א יצר הרע, און דער יצר הרע שטערט, און מען קען זיך נישט שלאגן מיטן יצר הרע, מען איז נישט א בעל הבית אויף זיך. את נורא ואנא בישרא (קידושין פא.) א מענטש איז נאר א בשר ודם, און דער יצר הרע איז א פייער. איז כאטש אינווייניג, תוך תוכו, וואלט ער געוואלט טון די מצוה, אבער דער יצר הרע לאזט אים נישט. אבער ווען ער האט אפגעטון די מצוה, און דער יצר הרע איז שוין נישט דארט, עס איז שוין דערנאך, ער שטערט אים שוין נישט, יעצט אז מען פרעגט אים, וויפיל עס איז ווערט די מצוה, זאגט ער, די מצוה גיב איך נישט אוועק פאר כל הון דעלמא. - און דער שכר וואס דער אייבערשטער וועט געבן פאר א מצוה, איז נישט וויפיל דער מענטש מעסט די מצוה 'פאר' ער האט עס געטון, נאר ער וועט אים געבן שכר וויפיל דער מענטש מעסט די מצוה 'נאכדעם' וואס ער האט עס שוין געטון.

**והיה** ראשיתך, טאמער דער אייבערשטער זאל רעכענען לויטן 'ראשיתך', וויפיל דער מענטש שעצט די מצוה ווען ער האלט אינעם אנהייב, 'מצער', וואלט די שכר געווען זייער ווייניג. אבער 'ואחריתך', ווען מען זאל מעסטן די מצוה, לויט וויפיל א מענטש שעצט די מצוה נאכדעם וואס ער האט עס געטון, דאס איז 'ישגה מאד', איז עס זייער אסאך ווערט. ווייל א מענטש וועט נישט אוועקגעבן א מצוה פאר כל הון דעלמא. און דאס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר א מצוה.

*

אחר מעריב נכנס **הגה"צ אב"ד קראסנא שליט"א** אצל **רבינו שליט"א** לקראת נישואי בתו בשעטומ"צ.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק יעקב כייעס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אייזיק מאיר בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, ולהחתונה של בת הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת בהעלותך</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרב **חיים בערגער** שליט"א (חתן הגה"צ מדובענקא זצ"ל), עב"ג בת הר"ר **ברוך יהודה גאנץ** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של ש"ב בן הרב **צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן גיסו **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**), עב"ג בת הרב **הלל ליכטענשטיין** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת בהעלותך</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א** ראב"ד בד"ץ עדה החרדית בירושלים עיה"ק לביקור כבוד אצל **רבינו שליט"א**.

עקב חולשת גופו של **הגאון הראב"ד שליט"א** יצא **רבינו שליט"א** ביותרת הכבוד לקבל פניו ליד מכוניתו. אחד ממקורבי **הגאון הראב"ד שליט"א** הזכיר לפניו הדברי מחאה שהשמיע **רבינו שליט"א** להגין על כבודו, כבוד התורה, בדרשת ז' אדר שנת תשע"ה לפ"ק[א]. **הראב"ד שליט"א** הביע הכרת

---

[א] בעונותינו הרבים ווערט דער בזיון פון כבוד התורה פארמערט. וואס דער עצם זאך אליין, רעדן אויף א תלמיד חכם, גרינגשעצן א תלמיד חכם, מבזה זיין א תלמיד חכם. אפילו א פשוטן איד טאר מען נישט מבזה זיין, אבער ביי א תלמיד חכם איז דאך דאס אסאך הארבער. המבזה תלמיד חכם אין רפואה למכתו, עס איז נישטא קיין רפואה, עס איז נישט דא מיט וואס ער זאל זיך קענען היילן, אויב עס וועט אים ח"ו פוגע זיין וואס ער האט געטון פאר דעם חכם. לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים (שבת קיט:), ירושלים איז נישט חרוב געווארן נאר ווייל מען האט מבזה געווען תלמידי חכמים, שנאמר (דברי הימים ב לו-טו) ויהיו מלעיבים במלאכי אלקים, מען האט מלעיב געווען, מען האט פארשעמט, מלאכי אלקים. המבזה תלמיד חכם זאגט די גמרא (סנהדרין צט:) איז א אפיקורס, אין לו חלק לעולם הבא, א בפירוש'ע גמרא, ער האט נישט קיין חלק לעולם הבא, ער האט מבזה געווען א תלמיד חכם.

דאס וואס מען טוט גרינגשעצן אין תלמידי חכמים, מען רעדט מיט א זילזול, דאס טוט פארדארבן די יונגווארג, אז עס ווערט נאכדעם נתגדל א דור וואס איז סורר ומורה, זיי זענען נישט מקבל קול הורים ומורים, מען איז נישט מקבל פון קיין צווייטן, און וואס קען שוין זיין די תוצאות פון אזא הנהגה.

וואס עס טוט זיך אפ אין ארץ ישראל. מען הערט ליידער שמועות ווי אזוי מען איז מבזה תלמידי חכמים. און נישט סתם תלמידי חכמים, נאר גאונים בתורה. עס איז דא סכסוכים אין ארץ ישראל וועגן א געוויסן ענין, און מען איז מבזה איינער דעם צווייטן, גדולי ישראל. עס האט שוין נישט קיין דעק מאנטל, אז עס איז מינות, ציונות, עס האט שוין אפילו דאס מאנטעלע אויך נישט, מען רעדט יעצט פון אמת'דיגע תלמידי חכמים וואס מען איז אויף איין מיינונג מיט אסאך זאכן, און ווייל עס איז דא חילוקי דיעות אין הלכה וכדומה, שעמט מען זיך נישט מבזה צו זיין גדולי ישראל.

מען האט די וואך מבזה געווען דעם ראב"ד פון ירושלים ביי א הספד וואס ער האט געזאגט ברבים, האט זיך געוואגט איינער

על זה, וציטט מדברי המדרש (במדבר רבה טז-ב) על הפסוק (במדבר יד-כד) ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו וימלא אחרי, שאמר הקב"ה למשה, טובה גדולה אני מחזיק לו וכו'. **רבינו שליט"א** בירך את **הגאון הראב"ד שליט"א** שיזכה עוד רבות בשנים להרביץ תורה והוראה בישראל, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, לאורך ימים ושנים טובים. - על פי בקשת **רבינו שליט"א** יצאו גם ילדי התלמוד תורה לקבל פני **הראב"ד שליט"א**, ועמדו בשורה ליתן כבוד לתורה.

---

אויפצושטעלן און מבזה זיין ברבים. מען רעדט יעצט פון אריות שבתורה, לייבן אין תורה, וואס עס איז נישט דא קיין סאך, מען קען ציילן אויף די פינגער וואס האבן אין זיך די גרויסקייט פון תורה, מיט פופציג יאר צוריק האבן זיך געשפיגלט אין אים גדולי ישראל. יודען וואס זענען זיך ממית עצמם באהלה של תורה, און עס איז נישט דא קיין בושה זיך אויפצושטעלן און מבזה צו זיין.

די הייליגע עדות אין ירושלים, מנהיגים פון די שענסטע עדות וואס ירושלים פארמאגט, איז מען משפיל און מבזה, ווייל זייער מיינונג איז נישט צוגעפאסט צו יענעמ'ס מיינונג. מען וויל פשוט מיט טערור ארויפצווינגען אויף יענעם א מיינונג וואס יענער איז נישט דערביי. ווען א מענטש זאגט א זאך אין הלכה וואס ער איז נישט דערביי, וואס ער האלט אז עס איז נישט אזוי, איז ער א מגלה פנים בתורה שלא כהלכה. און אז מען צווינגט איינעם צו מגלה זיין פנים בתורה שלא כהלכה, און ער האלט זיך פעסט און ער זאגט זיין מיינונג, קומט אים מען זאל אים מבזה זיין ?!

און אז עס איז יא דא חילוקי דיעות צווישן גדולי ישראל, ווי טרויט מען זיך צו עפענען א מויל, מענטשן וואס האבן אינגאנצן נישט קיין שייכות דערצו, זיי ווייסן אפילו נישט וואס עס גייט דארטן פאר, און יעדער זאגט זיך זיין מיינונג וואס יא און וואס נישט. איין פליטת פה פון א מענטש פארלירט ער זיין עולם הבא. איין ווארט וואס מען איז מזלזל אין א תלמיד חכם, פארלירט מען זיין חלק לעולם הבא. מיר דארפן זיך פרייען און אפגעבן א שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן אז עס געפינט זיך נאך צווישן אונז אזא גאון און אזא צדיק וואס כמותו ירבה בישראל. - דאס אלעס איז איין לאנגער קייט, מען איז נישט מחשיב קיין תלמידי חכמים, און מען לערנט אויס מזלזל צו זיין, און די תוצאות דערפון ווער ווייסט וואס דאס וועט צוברענגען נאכדעם.

אחר שעה קלה הופיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל מעמד קבלת פנים שנערך על ידי מוסד 'קרן הצלה' לכבוד **הגאון האדיר ראב"ד ירושלים שליט"א** (ברחוב טעילאר), ונשא מדברות קדשו לכבוד התורה.

***<u>וזה תוכן הדרשה:</u>***

**אין** נאמען פון יהדות החרדית דא אין וויליאמסבורג, האב איך דעם כבוד צו באגריסען דעם אדם גדול בענקים, דער **ראב"ד פון עדה החרדית**, וואס האט זיך מטריח געווען צו קומען דא ביי אונז אין שטאט. עס איז ביי אונז א געוואלדיגער זכות אז מיר האבן די מעגליכקייט מקבל פנים צו זיין אזא אדם גדול בישראל, וואס נאך מיט יארן צוריק, אלץ יונגערמאן האט ער שוין גע'שמ'ט מיט זיין גדלות אין תורה. אלע גדולי ישראל האבן מעיד געווען, אז עס וואקסט אויס א אדם גדול וואס וועט פירן א דור שפעטער.

**די** גמרא (בבא מציעא פד.) זאגט, אז רבי יוחנן האט געזאגט, איך בין איבערגעבליבן פון די שפירי ירושלים, פון די שיינקייט וואס ירושלים האט געהאט, בין איך געבליבן א שיירים. מיר האבן דעם כבוד מקבל פנים צו זיין משפירי ירושלים, א צורה ווי אזוי עס האט אמאל אויסגעקוקט א גדול בישראל. מען זאל האבן פאר די אויגן, ווי שיין ירושלים איז אמאל געווען. מיר האבן די זכיה מקבל פנים צו זיין פון די שיירי שפירי דירושלים.

**די** גמרא (ברכות כ.) זאגט אויף רבי יוחנן, אז ער האט זיך געזעצט אויף א פלאץ וואו די יודישע מאמעס זאלן אים קענען זעהן, כדי זיי זאלן האבן קינדער וואס זענען שפירי כוותי, זיי זאלן קענען אויסוואקסען און זיין תלמידי חכמים אזוי ווי רבי יוחנן איז געווען. - עס איז א געוואלדיגע זכות אנטייל צו נעמען און אפגעבן דעם ריכטיגען כבוד פאר אזא אדם גדול בישראל.

**דוד** המלך זאגט (תהלים טו-א), ה' מי יגור באהלך, מי ישכון בהר קדשך, ווער וועט וואוינען און ווער וועט רוען בהר ה', נעבן דעם אייבערשטען. זאגט דער פסוק, ואת יראי ה' יכבד, דער וואס גיט כבוד פאר יראי ה', דער וועט זוכה זיין

דערצו. די גמרא (מכות כד.) זאגט, אז יהושפט מלך יהודה, ווען ער האט געזעהן א תלמיד חכם, האט ער אים ארומגענומען, און ער האט אים מנשק געווען. און אויף אים זאגט דער פסוק, ואת יראי ה' יכבד.

**די** גמרא (חגיגה ה:) זאגט, דעם זכות וואס מען האט ווען מען גיט כבוד פאר א תלמיד חכם, ווען מען איז מקבל פנים א אדם גדול בישראל. די גמרא פארציילט, אז רבי מיט רבי חייא, זענען אמאל געקומען אין א שטאט, און זיי האבן געפרעגט, צו עס איז דא דארט א צורבא מרבנן. האט מען געזאגט, אז עס איז דא א תלמיד חכם אין די שטאט, וואס איז ליידער א סגי נהור, וואס ער זעהט נישט. און מען האט געהאלטן אז עס איז נישט לכבודו פון רבינו הקדוש, אז ער זאל אים גיין מכבד זיין. רבי איז געווען דער נשיא בישראל, און דער חכם וועט אים נישט קענען געבן דעם געהעריגן כבוד. און רבי האט זיך איינגע'עקשנט און ער איז אים געגאנגען מקבל פנים זיין. און דער תלמיד חכם האט אים אנגעוואונטשען, אזוי ווי איר האט זוכה געווען צו זעהן א חכם, וואס מען קען נאר זעהן זיין פנים, אבער ער זעהט נישט, וועט איר זוכה זיין מקבל צו זיין פני שכינה וואס איז פנים הרואים ואינו נראין. - מיר זענען מקבל פנים, א פנים הרואים והנראים, און עס איז פאר אונז א געוואלדיגער זכות, אז מיר האבן א חלק אינעם כבוד התורה, וואס מען קען געבן פאר א חכם בישראל.

**די** וואך אין די פרשה, גיט די תורה הק' די מצוה פון הדלקת המנורה, מען האט געדארפט אנצינדען די מנורה אינעם משכן, און אינעם בית המקדש שפעטער. און די תורה זאגט, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). עס איז געווען דער נר המערבי, די מיטלסטע נר, לויט איין דעה (מנחות צח:), וואס דאס האט געברענט שטענדיג, און פון דעם האט מען אנגעצינדען אלע נרות. - די נרות וואס זענען געווען אינעם משכן האבן געוויזען אויף די תלמידי חכמים, וואס זיי זענען די נרות שבישראל, זיי טוען באלייכטן דעם כלל ישראל, און ווען מען האט אנגעצינדען די נרות אינעם משכן, האבן זיך אלע נרות געבויגען אל מול פני המנורה, צו דעם נר המערבי וואס איז געווען אינדערמיט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די שבעה נרות זענען אקעגן די שבעה רועים. די ערשטע דריי איז אקעגן אברהם יצחק און יעקב, די מיטלסטע איז אקעגן משה, און די אנדערע דריי זענען אקעגן אהרן יוסף און דוד. און אלע נרות האבן זיך געבויגען אל מול פני המנורה, צו די מיטלסטע נר, וואס איז געווען אקעגן משה. - אמאל איז דא תלמידי חכמים וואס טוען מרביץ תורה זיין, אבער זיי טוען נישט אייביג לייכטען. אבער דער אייבערשטער לאזט איבער אין יעדן דור א חכם וואס ער איז דער נר המערבי, ער לייכט שטענדיג, פיר און צוואנציג שעה אין טאג לייכט ער. און ער גיט די ליכטיגקייט פאר די אלע אנדערע נרות. - מיר זענען מקבל פנים דעם נר המערבי, וואס איז די בחינה פון משה, וואס פון אים טוען לייכטן אלע נרות.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אריכת ימים ושנים, מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת. און דער אייבערשטער זאל אונז באצאלן, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (חגיגה ה:), אז די וואס זענען מקבל פני חכם, זענען זוכה צו אריכת ימים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים מט-י), ויחי עוד לנצח לא יראה השחת, כי יראה חכמים וכו'. זאל דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן פאר יעדן איינעם, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צוגיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נכנס **הרה"ג רבי אלתר יעקב יצחק גלאנץ שליט"א** (החתן כ"ק האמו"ר מסאטמאר שליט"א) אצל **רבינו שליט"א**, לקראת נישואי בנו בשעטומ"צ.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **שמואל שמעלקא פריעדמאן** שליט"א, עב"ג בת הרב **יואל צבי פריעדמאן** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **בני הגה"צ רבי אפרים אשרי זצ"ל** אב"ד קאוונא, שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב בן **הרה"ג רבי משה פלאם שליט"א** אב"ד סטרעטין (חתן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א, סטעטן איילאנד), עב"ג בת **הרה"ג רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד דקהל חשב סופר פרעשבורג. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים ברוין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר רייזל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד, והשתתף אצל השבע ברכות של נכד גיסו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

וכמו כן השתתף **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הגה"צ **יעקב מנחם פאנעט** שליט"א האדמו"ר מדעעש ב"פ, עב"ג בת הרה"ג **יקותיאל יהודה משה ראזענבערגער** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלעזר מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***ערב שבת קודש פרשת בהעלותך***

בשעות הבוקר הגיע הבשורה המעציבה על הסתלקותו לשמי מרום של **כ"ק הגה"צ המפורסם רבי שלמה זלמן כ"ץ זצ"ל** אב"ד דק"ק תולדות אהרן וומסב"ג, אחיו של יבלחט"א **כ"ק מרן רבינו שליט"א** (רבינו שליט"א הזדרז להתפלל בשעות המוקדמות בבוקר, קודם שהגיע אליו הבשורה המרה).

הלויה התקיימה בשעות לפני הצהרים בבית מדרשו במעמד קהל רב. **רבינו שליט"א** נשא עליו דברי נהי ומספד תמרורים.

***וזה תוכן ההספד:***

**דער** נביא זאגט (איכה ה-טו), שבת משוש לבנו, עס איז אוועקגענומען געווארן די פרייד פון אונזער הארץ, נהפך לאבל מחולנו, עס איז איבערגעדרייט געווארן צו טרויער אונזער שמחה, נפלה עטרת ראשינו, עס איז געפאלן די קרוין פון אונזער קאפ, אוי נא לנו כי חטאנו. עס איז א דאפלטער לשון, ער הייבט אן 'שבת משוש לבנו', און נאכדעם חזר'ט ער איבער, נהפך לאבל מחולנו.

**נפלה** עטרת ראשינו, עס איז אוועקגענומען געווארן די קרוין פון אונזער משפחה, די קרוין פון די שטאט. יעדער האט אים געקענט, ער איז געווען א אדם גדול בתורה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער יודען. אין די יוגענט פאר די תלמידים, און שפעטער פאר בעלי בתים. ועבדך ירא את ה' מנעורי (מלכים א יח-יב), פון

קינדווייז אן איז ער געווען א ירא אלקים, ער האט מורא געהאט פון א עבירה, געדינט דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, א עובד ה', און דאס איז אוועקגענומען געווארן פון אונז.

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות ח:) הזהרו בזקן ששכח תלמודו, ווייל לוחות ושברי לוחות מונחים בארון. א זקן, וואס מחמת אונס, מען איז נישט געזונט, און ער קען נישט אזוי לערנען ווי ער האט אמאל געלערנט, דארף מען אכט געבן אויף זיין כבוד. ווייל אין דעם ארון איז געווען אריינגעלייגט די לוחות שניות וואס מען האט באקומען, און אויך די שברים פון די ערשטע לוחות. א תלמיד חכם איז אין די בחינה פון א ארון, אין אים ליגט די תורה. אויפן ארון איז געווען די השראת השכינה, און די שכינה רוהט אויף א צדיק. – עס איז געווען צייטן וואס די לוחות זענען געווען אין דעם ארון, אין דעם הייליגען גוף האט זיך ארומגעדרייט אזויפיל תורה און יראת שמים און קדושה און טהרה, וואס האט משפיע געווען פאר יעדן איינעם וואס איז נאר געקומען אין זיין סביבה. שפעטער איז געווארן א צייט, וואס עס איז געווארן שברי לוחות, ער איז כל ימיו געווען א חלוש, גאנץ אין די יונגע יארן איז ער נישט געזונט געווארן, שפעטער האט אים דער אייבערשטער געהאלפן, אז ער איז צוריק געקומען צו די כוחות. אבער אין די לעצטערע יארן איז געווען שברי לוחות מונחים בארון. זאגט דער נביא, 'שבת משוש לבנו', שוין אדורך א לאנגע צייט וואס עס איז פארשטערט געווארן פון אונז די פרייד פון הארץ, וואס אסאך יארן איז געווען ספר תורה שרוי בצער. אבער יעצט מיט זיין הסתלקות איז צוגעקומען א יום אבל, 'נהפך לאבל מחולנו'.

**עס** שטייט אין די גמרא (ב"ב יד. והובא ברש"י במדבר י-לג) אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין א מלחמה, האט מען מיטגענומען מיט זיך דעם ארון, וואס די שברי לוחות זענען געווען מונחים בארון. כי ה' אלקיכם ההולך לפניכם להושיע לכם מאויביכם (דברים כ-ד). א צדיק וואס פלאגט זיך אויף די וועלט, וואס גייט אדורך יסורים, איז עס נישט נאר צו לייטערן זיך אליין, נאר דאס איז מגין אויפן גאנצן שטאט. און עס איז מגין אויפן גאנצן דור. עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פה.) אז ווען רבינו הקדוש האט דרייצן יאר געליטן אויף ציין ווייטאג, האט די וועלט נישט געדארפט קיין רעגן. די כח פון יסורים פון א צדיק, דאס איז מגין אויף די שטאט. מען געפונט אין די גמרא (שפ פד:) נאך מער, אז ווען רבי אלעזר בן רבי שמעון איז נסתלק געווארן, האט ער מורא געהאט אז מען וועט אים נישט געבן די ריכטיגע כבוד וואס עס קומט זיך אים, האט ער געזאגט פאר די בני בית, אז מען זאל אים נישט קובר זיין, נאר מען זאל אים ארויפטראגען אויבן אויפן שטאק, און מען זאל אים דארט לאזן ליגן. און ער איז געלעגן דארט צווישן אכצן און צוויי און צוואנציג יאר, און מען האט נישט געוואוסט אז ער לעבט נישט. זאגט די גמרא, אז די אלע יארן וואס ער איז געלעגן דארט, האט ער געהיטן אויפן שטאט, אז עס איז נישט אריינגעקומען א חיה רעה אין די שטאט. זעהט מען פון דעם, אז אפילו ווען מען לעבט נישט, מען געפונט זיך נישט דא אויף דעם עולם, אבער ווילאנג מען האט אים נישט קובר געווען, און מען איז געלעגן אין די שטאט, איז ער מגין געווען. - די שטאט האט געהאט א געוואלדיגע הגנה, אז אזא צדיק האט זיך געפונען אין שטוב, און דאס האט מגין געווען אויף אונז.

**ווען** מען איז ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, און מען האט געדארפט האבן א זכות, האט מען מיט גענומען מיט זיך די שברי לוחות, וואס איז געווען מונחים בארון. ויהי בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויביך (במדבר י-לה), עס איז ויהי בנסוע הארון, מען האלט זיך ביים געזעגענען, דער ארון גייט אוועק, עס איז ויהי, אין ויהי אלא לשון צער (מגילה יא:), עס איז א געוואלדיגער צער דער ויהי בנסוע הארון. ביז יעצט האבן מיר געהאט ווער עס האט מגין געווען אויף אונז, און יעצט פעלט דאס פאר אונז. ויאמר משה, ווען דער ארון גייט אוועק איז מען מתפלל, קומה ה' ויפוצו אויביך, וינסו משנאיך מפניך, די אלע מצות און מעשים טובים וואס ער האט געטון בחייו, זיין עבודת ה' בהצנע לכת, וואס אלעס איז געווען ביי

אים באהאלטן, ער האט קיינמאל נישט ארויסגעשטארט מער פון א צווייטן. די אלע דברי תורה וואס ער האט גערעדט ברבים, וואס ער האט מחזיר בתשובה געווען הונדערטער יודען מיט זיינע דרשות, די אלע זאכן גייען אים יעצט אקעגן. זאל דער אייבערשטער געבן, צדק לפניו יהלך, די מצות און מעשים טובים וואס ער האט געטון זאל אים באגלייטן.

**די** חשובע רעבעצין, די אשת חיל, וואס האט זיך אזויפיל אפגעגעבן די אלע יארן, אז עס זאל אים גארנישט שטערן פון עבודת ה'. די קינדער וואס האבן אין די לעצטערע יארן ממש מפקיר געווען, טאג און נאכט געווען צוזאמען, איז עס א געוואלדיגער זכות פאר זיי, און עס איז זיכער אז ער וועט מעורר רחמים זיין אויבן אין הימל. דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן פון יעצט אן נישט וויסן פון קיין צער. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל קענען גיין אין די וועגן וואס ער האט געלערנט, און ממשיך זיין די דרכים ווי אזוי ער האט זיך געפירט, און עס איז געווען זיין רצון אז די קינדער זאלן זיך פירן אויף דעם וועג. עס זאל שוין זיין, ובלע המות לנצח, ומחה ה' אלקים דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

*

אחרי ההספדים קרע **רבינו שליט"א** קריעה על בגדו, ובירך ברכת דיין האמת (קודם חצות היום).

אחר לויית המת ברחוב לי עוו. יצא **רבינו שליט"א** לדרכו לחלקת ק"ק סאמבאטהעלי בביה"ח בניו דזשערסי. ההקפות נערכו במעמד בני המשפחה ובני קהלתו (והשמיטו התפלות אנא ה' וכו', וא-ל מלא רחמים וכו', לכבוד ערב שב"ק) ובפניא דמעלי שבתא נטמן הנפטר הגדול זצ"ל, באוהל אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל.**

אחר ששב **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, ישב לאכול סעודת הבראה כנהוג.

***<u>שבת קודש פרשת בהעלותך</u>***

תפלת שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש כרגיל, ועלה עליית כהן כמו בכל שבת קודש כמבואר בשלחן ערוך (יו"ד סימן ת' סעיף א').

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **אהרן מרדכי** נ"ו, בן הר"ר **ישעי' ליכטמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא שנערך לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה כרגיל (והקדים לסיים הסעודה קודם זמן מוצאי שבת), ובירך ברכת שבע ברכות לכבוד החתן **מאיר צבי ברוין** נ"ו, חתן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, ולכבוד החתן **אפרים שמעון לאווי** נ"ו, חתן הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו (רבינו שליט"א לא זימר הניגון בברכת אשר ברא).

מיד אחר אמירת השבע ברכות פשט **רבינו שליט"א** את מנעליו, והתפלל תפלת ערבית בבית המדרש (בלי המנעלים) מלובש בבגדי שב"ק (ואמר 'ויתן לך'). – אחר תפלת ערבית בירך את החתנים שעומדים להנשא בשבוע הבעל"ט (בלי הושטת היד), ולא עברו לברכת 'א גוטע וואך'.

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו ובירך ברכת הבדלה על הכוס כרגיל (ואמר גם הנוסח הנה א-ל ישועתי כמו בכל שבוע), ושתה את הכוס בעמידה, אחר כך ישב ובירך ברכה אחרונה, ונתן מיין הבדלה על עיניו כנהוג, ולא זימר המבדיל.

אחר הבדלה פשט **רבינו שליט"א** את בגדי שב"ק, ולבש בגדי חול, ועבר לבית המדרש תולדות אהרן וישב שבעה יחד עם בני אחיו הנפטר זצ"ל, שם שוחחו משך שעה ארוכה בשבח הנפטר, ובכמה עובדות וסיפורים וכו'.

בסיום ניחם **רבינו שליט"א** את האבלים בנוסח המקום ינחם וכו', ועלה גם לנחם את האלמנה הרבנית הצדיקת תחי' וב"ב.